View in browser

קניידל
טעגליכע פּאָרציע נייעס.

מאנטאג שלח - כ׳ סיון תשפ״ה | קניידל #426

קניידל אבזערוואציעס

לעצטע אנטוויקלונגען פון מדנ"י / איראן קריג

מיטל מזרח - מאסיווע לופט אטאקעס איז באריכטעט געווארן נעכטן זונטאג אין דער איראנער הויפטשטאט, טעהעראן, נישט לאנג נאך וואס די איי-די-עף האט ארויסגעשטעלט פרעצעדענטלאזע וואקואציע פאראדערונגען פאר ציווילע איראנער צו וועקואירן פון געגנטער ארום וואפן פאבריקן.

שאסייען וועלכע פירן ארויס פון טעהעראן זענען איבערגעפולט געווארן מיט הונדערטע אויטאס דורך איינוואוינער וועלכע האבן פראבירט צו אנטלויפן פון די הויפטשטאט וואס איז די צענטער פון די מדנ"י אטאקעס. אזוי אויך איז באריכטעט געווארן מאסיווע וואסער פארפלייצונגען ארום טעהעראן, מיט די אפלויף סיסטעם וואס איז געצילט געווארן דורך מדנ"י לופט אטאקעס.

ווי ערווארטעט האט איראן נעכטן דורכגעפירט אומצאליגע באליסטישע מיסיל אטאקעס אויף מדנ"י. א מערהייט זענען געווארן אראפגעשאסן דורך פארטיידיגונג סיסטעמען, טייל האבן דערגרייכט דעם ציל, צווישן דעם איין וואס האט דירעקט געכאפט א געביידע אין חיפה פון וואו כאטש פיר מענטשן זענען פאראוואונדעט געווארן, און די חיפה אויל איינריכטונג וואס איז געצילט געווארן. אזוי אויך זענען נאך ציווילע ערטער געצילט געווארן, פירנדיג צו עטליכע געשעדיגטע.

מדנ"י האט ארויסגעשטעלט די נעמען פון 9 איראנער נוקלעארע וויסנשאפטלער וועלכע זענען עלימינירט געווארן. זיי זענען געווען נאכפאלגער פון מוכסן פאכריזאדא, דער "פאטער פון די איראנער נוקלעארע פראיעקט," וועלכע איז עלימינירט געווארן דורך מדנ"י אין 2020.

טייל פון די וויסנשאפטלער זענען עלימינירט געווארן אין כאטש פינף קאר באמבע אופרייסן אין טעהעראן, דורכגעפירט דורך געהיימע מוסד אגענטן אויף איראנער ערד.
דער איראנער יו-ען אמבאסאדאר זאגט אז ארום 80 בירגער זענען געהרגעט געווארן און מער ווי 320 אנדערע זענען פארוואונדעט געווארן זינט די אנהייב פון די מדנ"י אטאקעס.

מדנ"י פרעמיער מיניסטער נתניהו האט אוועקגעמאכט א רויטערס באריכט וואס האט פארציילט אז דער אמעריקאנער פרעזידענט טראמפ האט אפגעהאלטן א מדנ"י פלאן צו עלימינירן דער איראנער פירער כומייני.

א ראקעט געשאסן פון עזה נעכטן פארנאכטס לאקאלע צייט האט באטראפן א ליידיגע פעלד אין דרום מדנ"י. קיינער איז נישט פארוואונדעט געווארן אין די אטאקע.

די ציפער פון אומגעקומענע פון די שרעקליכע מיסיל אטאקע אויף א געביידע אין בת ים איז געשטיגן צו 9, הי"ד, מיט איבער 100 פארוואונדעטע. די איי-די-עף האט געבעטן בירגער נישט צו פובליצירן סצענעס פון מיסיל אימפאקטן, זאגנדיג "דער פיינט אבזערווירט די סצענעס צו פארבעסערן אירע אטאקע מעגליכקייטן."

דער אמעריקאנער פרעזידענט טראמפ זאגט אז ער איז אפען צום געדאנק אז דער רוסישער פרעזידענט פוטין זאל פארמיטלען א פייער-אפשטעל צווישן מדנ"י און איראן.

די איראקער באוואפנטע גרופע 'קטעיב חיזבאלא,' וואס איז פארבונדן מיט איראן, האט ארויסגעשטעלט א ווארענונג אז זי וועט אטאקירן אמעריקאנער טרופן אין די געגנט אויב אמעריקא וועט זיך אריינמישן אין די קאנפליקט.

דער פרעזידענט פון קאפריסן, ניקאס קריסטאדאלידעס האט געמאלדן אז איראן האט אים געבעטן צו איבערגעבן "געוויסע מעסעדזשעס" פאר מדנ"י. ער האט אויך באשטעטיגט אז ער האט גערעדט מיטן מדנ"י פרעמיער מיניסטער נתניהו.

דער איראנער סופרים פירער כומייני איז עוואקואירט געווארן צו אן אונטערערדישן בונקער אין צפון-מזרח טעהעראן שעות איידער מדנ"י האט אנגעהויבן לופט אטאקעס דעם פרייטאג, לויט א באריכט דורך 'איראן אינטערנאציאנאל.'

'גרופע פון זיבן' פירער פארזאמלט אין קאנאדע פאר יערליכן קאנפערענץ



קאנאדע - די 'גרופע פון זיבן' פירער האבן זיך נעכטן זונטאג פארזאמלט אין קאנאדע פאר געשפרעכן איבער אויסערן פאליטיק און האנדל, אין א צייט פון שפאנונג מיט דער אמעריקאנער פרעזידענט טראמפ וואס האט געשטעלט היכע טאריפס אויף לענדער.

דער קאנאדישער פרעמיער מיניסטער קארני זאגט אז זיין פריאריטעט מיט די זיצונג איז צו פארבעסערן באציאונגען מיט לענדער, ספעציעל מיט אמעריקא.

אין 2018 ווען די פארזאמלונג איז אויך פארגעקומען אין קאנאדע האט פרעזידענט טראמפ פארלאזט דעם קאנפערענץ איידער ער האט פארמאכט דעם דעמאלסדיגער קאנאדישער פרעמיער מיניסטער אין זיך אויפפירן "מיט אומערכט און שוואך," און האט פאראדערט די אמעריקאנער דעלעגאציע צו צוריקציען פון איר באשטעטיגונג פון דעמאלס'דיגע דערגרייכונגען.

קניידל ביסן



מדנ"י - אביב אציל, 49, איז אידענטיפיצירט געווארן אלס דער משכון וועמענס קערפער איז געפונען געווארן דורך די איי-די-עף אין דרום עזה פאריגע וואך, לויט א מעלדונג דורך די מיליטער. אציל, א רעזערוו אפיציר, איז אומגעקומען ביים אקטאבער זיבן אטאקע ביים פראבירן צו פארטיידיגן איינוואוינער אין קיבוץ ניר עוז פון טעראריסטן. זיין קערפער איז פארכאפט געווארן דורך איסלאמישער דזשיהאד טעראריסטן.

וואשינגטאן - די טראמפ אדמיניסטראציע באטראכט די מעגליכקייט צו אויסברייטערן די רייזע פארבאט אויף בירגער פון נאך 36 לענדער אריינצוקומען אין אמעריקא, נישט לאנג נאך וואס די אדמיניסטראציע האט פארבאטן בירגער פון 12 לענדער אריינצוקומען אין אמעריקא, לויט א וואשינגטאן פאוסט באריכט ציטירט פון סטעיט דעפארטמענט איינגעשטעלטע.



מינעסאטא - א מאסיווע זוכעריי איז אונטערגענומען געווארן דורך פאליציי און עף-בי-איי איבער א מאן וואס האט אומגעברענגט א דעמאקראטישע סטעיט געזעץ-געבער און איר מאן. דער פארדעכטיגטער איז אידענטיפיצירט געווארן אלס וואנס לוטער בוילער, 57. ער איז אנטלאפן צו פיס ווען אפיצירן האבן אים קאנפראנטירט ביים הויז פון די געזעץ-געבער.

אינדיע - א העליקאפטער אין צפון אינדיע וואס האט געפירט זיבן מענטשן האט אראפגעקראכט הענטער א באוואינטע געגנט אין די שטאט אוטאראקבאד, צפון אינדיע, אומברענגענדיג אלע פאסאזשירן. העליקאפטער סערוויסעס אין די געגנט זענען געווארן אפגעשטעלט אויף ביז א ווייטערדיגע מעלדונג, לאקאלע באאמטע האבן אונטערגענומען אן אויספארשונג.



גרינלאנד - דער פראנצויזישער פרעזידענט מאקרון האט נעכטן זונטאג אפגעשטאט א באזוך אין גרינלאנד צו צייגן פראנצויזישע און אייראפעאישע פאראיין סאלידאריטעט מיט די ארקטישע אינזל נאך סטראשונקעס דורך דער אמעריקאנער פרעזידענט טראמפ צו איבערנעמען קאנטראל פון די סטראטעגישע טעריטאריע.



אוקראינע - א אפיס געביידע אין קיעוו פון דער אמעריקאנער אוויאציע ריז באאינג איז שווער געשעדיגט געווארן אין א רוסישע לופט אטאקע נעכטן זונטאג, לויט א באריכט דורך די פייננשעל טיימס, ציטירנדיג זעקס מענטשן באקאנט מיט די געשעענישן.

It Just Feels Right.
DESIGN MEETS FUNCTIONALITY
Engineered from the ground up.
Comfortable in your hand.
Unmatched Satisfaction.
Once you have it, you get it.
WONDER
845-200-2323 / support@wondersimple.com
wondersimple.com

פינאנציעלע קניידל

וואס צו ערווארטן די וואך אויפן סטאק מארקעט; פעדעראלע רעזערוו זיצונג

די וואך קוקן אינוועסטירער ארויס פאר די פעדעראלע רעזערוו זיצונג וואס וועט פארקומען דינסטאג און מיטוואך, און די מעלדונג וואס דזשעראום פאועל, איר פארזיצער, וועט געבן מיטוואך 2:00, ווי ער איז נישט ערווארטעט צו שניידן די אינטערעסט ראטעס טראץ טראמפ'ס רעגענישן.

דינסטאג וועט ארויסקומען די ריטעיל סעילס באריכט וואס וועט צייגן צו אמעריקאנער שפענדונג איז געפאלן צו נישט, א וויכטיגע פאקטאר וועלכע מאכט אויס צווי-דריטל פון די עקאנאמיע.

דאנערשטאג וועט די סטאק מארקעט זיין פארמאכט אין עהרע פון די פעדעראלער חגא. קומענדיגע זונטאג וועט טעסלא מעגליך ארויסשטעלן איר ראבאטעקסי סערוויס אין אויסטין, טעקסאס, לויט א מעלדונג פון אילאן מאסק.

עס זענען נישט דא קיין באדייטנדע פירמע'ס וואס וועלן ארויסשטעלן זייערע פארדינסט באריכטן די וואך.

עס איז איבריג צו שרייבן אז די קריג צווישן מדנ"י און איראן און וועט מעגליך האבן א שטארקע אימפאקט אויף די מארקעטן, אויב עס ברענגט זארגן אז אמעריקא וועט ווערן אריינגעשלעפט דערין, אדער עס וועט זיך פארשפרייטן אין די מיטל-מזרח.

עמעזאן פלאנט צו אינוועסטירן $13 ביליאן אין די קומענדיגע פיר יאר צו אויפבויען און פארברייטערן פרישע דאטא צענטערן אין אויסטראליע, און אויפבויען ע-איי טעכנאלאגיע דארטן. די פירמע וועט אויך אינוועסטירן אין 'סאולער פארעם'ס' אין געגנטער ארום צו צושטעלן עלעקטערציטעט.

CASH BOOST
INCREASE YOUR BUSINESS CASH FLOW WITH PRECISE LOANS AND LINES OF CRE
OUR IN-HOUSE CPA'S AND CREDIT PROFESSIONALS WILL ENSURE THAT YOUR APPLICATION IS APPROVED AND THAT YOU RECEIVE MAXIMUM FUNDS.
Affiliated with a team of professional accountants
Levy Leifer
Business Funding Specialist
FUNDI
Business Loans - Lines Of Credit
347.455.8536
Levy@fundipros.com

געזונטע קניידל

עלי לילי'ס עקספערימענטאלע וואג-פארלוסט דראג צייגט 11% וואג-פארלוסט אין פריע שטודיע

Lilly
50 ImClone Drive

עלי לילי'ס עקספערימענטאלע וואג-פארלוסט מעדיצין, עלאראלינטיד, האט געהאלפן פאציענטן פארלירן 11.5% פון זייער קערפער וואג אין די ערשטע 12 וואכן אין אן ערשטע-פאזע שטודיע. די רעזולטאטן זענען ארויסגעגעבן געווארן פאר דער אמעריקאנער דייעבעטיס אסאסיאציע קאנפערענץ אין שיקאגא.

מיטל-פאזע שטודיעס אויף די מעדיצין זענען אין פולן קראפט, סיי אלס א זעלבסטשטענדיגע וואג באהאנדלונג און סיי אלס א קאמבינאציע מיט די פירמע'ס יעצטיגע וואג-פארלוסט מעדיצינען, א שטייגער ווי זעפבאונד.

סי-די-סי רופט צוריק איבער 450 אפגעזאגטע ארבעטער

CDC
CENTERS FOR DISEASE CONTROL AND PREVENTION
EDWARD R. ROYBAL CAMPUS

די אמעריקאנער געזונטהייט און מענטשליכע סערוויסעס האט צוריקגעשטעלט איבער 450 איינגעשטעלטע ביים אמעריקאנער געזונטהייט צענטער, וועלכע זענען געווארן אפגעזאגט אלס טייל פון מאסיווע רעגירונג ארבעטס-שניט אין אפריל, לויט א סי-ען-ען באריכט.

די ארבעטער רעפרעזענטירן כמעט 20% פון די 2,400 סי-די-סי ארבעטער וועלכע זענען געווארן אפגעזאגט אונטער סעקרעטאר קענעדי'ס פירערשאפט.

די ארבעטער האבן באקומען א אימעיל אז די פריערדיגע מעלדונג אז זיי ווערן אפגעזאגט אויף אדמיניסטראטיווע ארלויב ווערט אפגערופן, און זייער שטעלע וועט צוריקגעשטעלט ווערן ווי בעפאר.

כ'וויל אים שוין זאגן צוויי יאר
אבער כ'קען מיר נישט ערלויבן אז ער זאל אויפהערן קומען בײ מיר.
לאמיר עס איבעראַבנעמען
מסכים
845.701.9521

לאקאלע קניידל

פריע שטימען אין די סיטי מעיאר פריימערי פארמעסט האט זיך אפיציעל אנגעהויבן

VOTE NYC
Board of Elections in the City of New York

ניו יארק סיטי - טויזנטער איינוואוינער האבן זיך באוויזן ביי שטים בודקעס דעם שבת אין די ערשטע טאג פון פריע שטימען אין די סיטי מעיאר פריימערי פארמעסט.

דער פריימערי איז דעם יוני 24, אבער צוליב די ניו יארק "פריע מעיל וויילער אקט" וואס ערלויבט אלע ווילער צו שטימען דורך פאסט, קען מען עס נעמען ביז יולי 1 צו ווייסן די אפיציעלע רעזולטאטן.

2 פון 4 ארעסטאנטן וואס זענען אנטלאפן פון אימיגראציע ארעסט צענטער אין ניו דזשערזי זענען געכאפט געווארן

ESCAPED DETAINEES
FRANKLIN NORBERTO BAUTISTA-REYES
HONDURAS
AGGRAVATED ASSAULT & WEAPONS POSSESSION
JOEL ENRIQUE SANDOVAL-LOPEZ
HONDURAS
AGGRAVATED ASSAULT
JOAN SEBASTIAN CASTANEDA-LOZADA
COLOMBIA
BURGLARY
ANDRES PINEDA-MOGOLLON
COLOMBIA
BURGLARY

ניו דזשערזי - צוויי פון די פיר ארעסטאנטן וואס זענען אנטלאפן פון אן אימיגראציע ארעסט צענטער אין ניו דזשערזי זענען געכאפט געווארן און זענען צוריק אונטער ארעסט, לויט א מעלדונג דורך די עף-בי-איי.

לויט די אויטאריטעטן, זענען עבריינים לאפעז און דזשאן לאזאדא געפונען און ארעסטירט געווארן, צוויי אנדערע זענען נאך אויף דער פריי.

די פיר ארעסטאנטן זענען אנטלאפן פון די ארעסט צענטער דעם פרייטאג נאכמיטאג נאך וואס זיי האבן באוויזן צו דורכברעכן א וואנט וואס האט זיי געפירט צו א פארקינג לאט.

אידישע קניידל

טראגעדיע: 4-יעריגער גאלדא אייזענבאך ע"ה אומגעקומען נאכן ווערן אראפגעקלאפט דורך שיכור'ער דרייווער

מיט גרויס טרויער איז אויפגענומען געווארן די ביטערע בשורה אז דער יונגע 4-יעריגער מיידל גאלדא אייזענבאך ע"ה, וואס איז געווארן אראפגעקלאפט דורך א קאר אין די שרעקליכע מוצאי שבת עקסידענט אויף אלד נייאק טורנפייק אין מאנסי איז טראגיש אומגעקומען פון די וואונדן.

די לויה פון די מיידל, א טאכטער פון די ספרינג וועלי ווילידזש טראסטי האברך ר' ישראל אייזענבאך, איז פארגעקומען נעכטן 12:30 פארמיטאג ביים ביהמ"ד הגדול אין שיכון סקווירא, נאכגעפאלגט מיט די קבורה אין די סקווירא בית החיים.

אין אנדערע נייעס האט די ספרינג וועלי פאליציי דעפארטמענט געמאלדן אז דער 41-יעריגער קסעל לאפעז סאנטיעגא פון ספרינג וועלי וואס האט געטריבן די קאר אונטער אלקאהאלישער איינפלוס, איז געווארן אנגעקלאגט אויף א רייע ערנסטע פארברעכנס, און ווערט געהאלטן אויף $750,000 בעיל.

כלל ישראל ווערט געבעטן צו ווייטער מתפלל זיין לרפואת דער יונגערמאן וואס איז אויך געווארן אראפגעקלאפט ביים שרעקליכן עקסידענט, און געפונט זיך אין שפיטאל אין א קריטיש צושטאנד, האברך ברוך אברהם ישראל בן חוה יוטא, און די צוויי וועלכע געפונען זיך ב"ה אין א סטאבילע צושטאנד, חיים יהודה בן אסתר קריינדל און אפרים יוסף בן אסתר קריינדל לרפו"ש. בשורות טובות.

ציגל איינגעקריצט מיט ווערטער "באפרי פאלעסטיין" אריינגעווארפן אין כשר'ע געשעפט אין מעסאטשוסעטס

א שאנדפולע אנטיסעמיטישע אינצידענט איז פארגעקומען אין ברוקליין, מעסאטשוסעטס, שפעט שבת אינמיטן נאכט ווען א ציגל איינגעקריצט מיט דער אויסדרוק "באפרי פאלעסטיין" איז אריינגעווארפן געווארן אין "די בוטשעריי" - די איינציגסטע כשר'ע גראסערי געשעפט אין דער אומגעגנט.

די אטאקע האט פאראורזאכט געלט שאדן צום געשעפט, אבער ב"ה נישט קיין מענטשליכע שאדן. די אינצידענט ווערט אויסגעפארשט אלס א האסע פארברעך.

וואו צו קויפן ווייס איך. די שאלה איז וואס?
MALBISH

חרדישע קניידל

האדמו"ר מקארלין סטאלין זיך צוריקגעקערט קיין ארה"ק

כ"ק אדמו"ר מקארלין סטאלין שליט"א וועלכע האט געוויילט איבער שבת אין קפריסין, זייענדיג געשטראנדעט אונטערוועגנס אהיים פון מאלינגע, אוקראינע, איז דעם זונטאג נאכט אהיימגעקומען בשלום למעונו אין גבעת זאב, פארנדיג מיט א פריוואטן פליגער אויפ'ן וועג צום שטאט שארם-על-שייך וואס געפינט זיך אין עגיפטן ביים דרום ווינקל פונעם סיני האלב-אינזל.

פון דארט איז דער רבי געפארן מיט א קאר דעם לאנגן וועג ביז צום גרעניץ שטאט טאבא וואס געפינט זיך נישט ווייט פון אילת, וואו עס באגלייטן אים א שיירה פון עגיפטישע זיכערהייט אפיצירן, און פון דארט האט דער רבי ממשיך געווען א פיר שעה'דיגע רייזע לביתו נאוה קודש אין גבעת זאב.

דערווייל געפונען זיך נאך געשטראנדעטע עטליכע גדולי ישראל, צווישן זיי: כ"ק האדמו"ר מסטראפקוב און אזורב שליט"א וועלכע געפונען זיך אין רוים, כ"ק גאב"ד מאקאווא שליט"א וועלכע געפונט זיך אין אוקראינע און זיין אייניקל'ס חתונה איז דעם מיטוואך, אזוי אויך הגאון רבי יצחק יוסף שליט"א האט זיך צוריקגעקערט קיין ניו יארק.

אין אנדערע נייעס, זענען אפגעשטופט געווארן עטליכע נסיעות פון גדולי האדמו"ם וועלכע האבן געזאלט אנקומען קיין ניו יארק אין די קומענדיגע טעג. צווישן זיי: די געפלאנטע נסיעה פון כ"ק אדמו"ר מוויזניץ בית שמש שליט"א קיין ניו יארק לטובת מוסדותיו, און די געפלאנטע נסיעה פון כ"ק אדמו"ר מקרעטשניף סיגוט שליט"א קיין ניו יארק לרגל די חתונה פון אן אייניקל.

אלפי ישראל געפייערט 'סיום הש"ס' אין ראם פון 'תורתך שעשועי'

אן ערהאבן בילד האט זיך אנטפלעקט נעכטן זונטאג, ווען הונדערטע אידן זענען געזעסן און געלערנט שעות ארוכות ביים איינגעארדנטן 'יום לימוד התורה', אין בעפארברייטונג צום גראנדיעזן 'סיום הש"ס' דורך חברות תורתך שעשועי'.

די סדר הלימוד איז פארגעקומען אין די 'אר-סי-סי' קאמפלעקס, ווי אין שפיץ האט זיך אנגעזעצט דער מיסד החבורה כ"ק אדמו"ר מסאטמאר שליט"א וועלכע האט געלערנט בחברותא מיט הגה"צ ר' יעקב אליהו אונסדארפער שליט"א אבד"ק ראשית חכמה.

שפעטער נאכמיטאג איז פארגעקומען די געהויבענע 'סעודת מצוה' לרגל די 'סיום הש"ס', ווי עס האבן מהנה געווען בפרקי שיר, די וועלט בארימטע מנגנים ר' ישראל אדלער, ר' אהר'לע סאמעט, ר' יואלי קליין. אלס נואם הכבוד האט אופגעטראטן הגאון רבי אפרים וואקסמאן שליט"א ר"מ מאור יצחק, און מ'האט געהערט דברות קודש פונעם רבי'ן שליט"א, וועלכע האט צווישן זיינע ווערטער דערמאנט די שווערע לאגע פון אחינו בני ישראל אין ארה"ק אין שאטן פון קריג.

הגאון רבי דן סג"ל ערווארטעט אין ניו יארק



קרן עולם התורה

יום ראשון, 15 ביוני, 2025

הודעה מקרן עולם התורה

צדיק בא לעיר

בתפנית בלתי צפויה, המריא המשגיח הרב דן סגל שליט"א זה עתה לארה"ב. המשגיח יצטרף לרב משה הלל הירש שליט"א והרב דוד כהן שליט"א לגיוס כספים למען קרן עולם התורה.

הגעתו של המשגיח בלתי צפויה לחלוטין, שכן בחודשים האחרונים הוא מתאושש בשוויץ. עם זאת, עקב ביטול הטיסות מארץ ישראל כתוצאה מהמלחמה, עושה המשגיח מאמץ נוסף לנסוע לארה"ב.

כלל ישראל מצפה בקוצר רוח לבואו הקרוב של המשגיח שליט"א

קרן עולם התורה

המשגיח הגאון רבי דן סג"ל שליט"א וועלכע וויילט אין די יעצטיגע טעג אין שווייץ אויף אפרוה, איז ערווארטעט אנצוקומען קיין ניו יארק, און זיך אנשליסן אין די מסע 'גדולי ישראל' לטובת 'קרן עולם התורה'.

דאס קומט נאכדעם וואס די הנהלה פון 'קרן עולם התורה' האט געלאזט וויסן, אז די מסיבות און באנקעטן לטובת די קרן וועלן ווייטער פארזעצן ווי געפלאנט, טראץ די אפוועזנהייט פון א טייל גדולי ישראל. אצינד וועלן זיך אנשליסן אין די קאמפיין, הגאון רבי משה הלל הירש שליט"א און הגאון רבי דוד כהן שליט"א וועלכע געפונען זיך שוין אין ניו יארק, אינאיינעם מיט המשגיח הגאון רבי דן סג"ל שליט"א.

'יום תפלה' באשטימט דורך די עדה החרדית

אין ליכט פון די מלחמה צושטאנד אין ארה"ק, איז באשטימט געווארן דורך מרנן ורבנן חברי הבד"ץ העדה החרדית, אז דעם היינטיגן מאנטאג ביום המסוגל כ' סיון, זאל מען זיך צוזאמנעמען אין די היכלי התורה והישיבות אויף א 'יום התפלה' און מתפלל זיין לישועתן של ישראל.

היינט געפאלט די **יארצייט** פון הגה"ק **בעל נחלת דן ממודזיץ** זי"ע - די קינדער כ"ק האדמו"ר ממודזיץ און קוזמיר שליט"א וועלן אפרעכטן די יארצייט טישן בבתי מדרשם.

היינט געפאלט די **יארצייט** פון הרה"ק **רבי זאב מראחמיסטריווקא** זי"ע - כ"ק אדמו"ר מראחמיסטריווקא שליט"א וועט אפרעכטן די יארצייט טיש אין ביהמ"ד הגדול ראחמיסטריווקא אין ירושלים.

הגאון רבי שמעון יצחק שלעזינגער שליט"א חבר בד"ץ העדה החרדית איז אנגעקומען **צוגאסט קיין לאנדאן** לטובת מוסדותיו.

שידוכים קניידל

החתן **יצחק** נ"י בן מו"ה **אברהם קעניג** הי"ו (ב"פ)
עב"ג בת מו"ה **מרדכי ראזען** הי"ו (ב"פ)
שדכן **אשת** מו"ה **הערשל גראזינגער** הי"ו (ב"פ)

החתן **שלום יוסף** נ"י בן מו"ה **משה דוד פערל** הי"ו (ק"י)
עב"ג בת מו"ה **יואל הערש פישער** הי"ו (ק"י)
שדכן **אשת** מו"ה **ליפא זינגער** הי"ו (ק"י)

החתן **שמעון דוב** נ"י בן מו"ה **אליעזר יואל גליק** הי"ו (מאנסי)
עב"ג בת מו"ה **חיים הערש מייזעלס** הי"ו (ק"י)
שדכן מו"ה **אליעזר וויינבערגער** הי"ו (ק"י)

Kneidel Inc | 2 Perlman Drive, Monsey, NY 10977
845-237-9385
If you no longer wish to receive these messages, please click Unsubscribe